זה השער לד׳ צדיקים יבואו בו

# קונטרס הסברה ח״ב

## רעזאלוציעס פון די טעטיקייטען פון די התאחדות הרבנים אין די פארגאנגענע 20 יאהר זינט איהר התיסדות

ווי עס איז איבערגעגעבען געווארען אין א פינקטליכען באריכט דורך די רבנים חשובים חברי התאחדות הרבנים און דורך די בעלי בתים העומדים בראש, ביי די אסיפה יום א׳ פ׳ טהרה, אין וויליאמסבורג.

יוצא לאור ע״י תלמידים ההולכים בשיטת כ״ק אדמו״ר שליט״א

פה ברוקלין נ.י. — ניסן תשל״ו לפ״ק

להשיג בכל בתי מסחר ספרים

# רעזאלוציעס פון אסיפת הרבנים שע״י התאחדות הרבנים
# א׳ טהרה תשל״ו.

זונטאג פ׳ טהרה איז דורך די הנהלה פון התאחדות הרבנים צוזאם גערופען געווארען אן אסיפה פון די ראשי הקהלות, און א דאנק די ברכה של אותו זקן כ״ק אדמו״ר שליט״א, וואס האט געוויינטשען אז ער האפט עס זאל נתקדש ווערען שם שמים דורך די אסיפה, און צדיק גוזר והקב״ה מקיים, די ברכה איז בשלימות נתקיים געווארען. ע״כ שפירען מיר פאר א חוב מפרסם צו זיין דעם תוכן פון די אסיפה, דהיינו דער צוועק, די דרשות, און די באשלוסען. און הגם עס איז שוין געשריבען געווארען איבער דעם אין אונזער צייטונג, ,,דער איד״, נאר אזוי ווי דער רעדאקטאר האט זיך געפירט ווי זיין שטייגער מהפך צו זיין דברי אלקים חיים, און האט אויסגעלאזט וויכטיגע דרשות, ע״כ האבען מיר גענומען די מיה, ארויסצוקומען מיט קלארקייט וועגען די אסיפה.

אגב מוזען מיר באמערקען (דאס וואס די לייענער פון ,,דער איד״ באמערקען שוין פון לאנג), אז דער רעדאקטאר לייענט אדורך יעדע וואך אלע אפיקורסישע און שמוציגע צייטונגען ממזרח למערב, וואס פון דארט ווערען זיי געברענגט אין ,,דער איד״ גאנצע שטיקלעך דברי כפירה לזכות הרבים רח״ל. דאס זענען די צייטונגען מעריב, הצופה, פנים אל פנים, ידיעות אחרונות, פארווערטס און דזשואיש פרעס,ועוד. און שטענדיג מיטן אויסדריק ,,מיר לייענען אין כו׳״, דאס הייסט אז ער איז עוסק מערב עד בוקר אין אלע טמא׳נע פרייע צייטונגען. אויך פלעגט ערשיינען שטיקלעך פון ראדיא און טעלעוויזיע רח״ל (מעגליך מען וועט דאס נאך אמאל פאטאגראפירען און פארשפרייטען, אויפדעקען דעם מאנטעל פון הרב הרעדאקטאר וואס וואגט צו זיין דער מכריע אין אלע תורה׳דיגע ערנסטע פראבלעמען). דערפאר פארשטייט מען קלאר פון ווי עס האט זיך גענומען צו אים די געוואלדיגע חוצפה מבזה צו זיין גדולי ישראל בפרהסיא, המבזה ת״ח הרי הוא בנידוי, און אויך אין תרופה למכתו. דארף מען וויסען אז דעתו איז היפך דעת תורה, ווייל א קאפ וואס איז אנגעזאפט מיט די ערגסטע לייען־מאטריאל פון חו״ל וא״י, מכל המינים, צע״ג צי מען מעג זיך אפילו שטעלען מיט אים אין ווארט, און מכ״ש לייענען זיינע הכרעות אין די שווערסטע וועלט־פראבלעמען.

,,דער צוועק״! — לויט ווי מיר הערען פון די רדשות פון די רבנים שליט״א, בעלי בתים (און איר וועט בע״ה ראס קענען בקרוב הערען דורך טעיפ), איז דער תכלית האסיפה וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען דורך די הנהלת ,,התאחדות״, רעדאקטאר פון דער איד, דער מנהל מוסדתינו ועוד — געציהלט צו איין מטרה, אראפקלאפען די כוחות פון רי נייע ארגאניזאציע וואס האט זיך געגרינדעט מיטן שפיץ פון איינע פון רי גדולי הרור משרידי רור הישן וואס פירט זיך בכל ענינים בדרך כ״ק ארמו״ר שליט״א, מיטן צוועק צו פארשטארקען כשרות וואס איז אינגאנצען מופקר בעוה״ר. און הגם די ארגאניזאציע האט באוויזען אין די קורצע צייט פון איר עקזיסטענץ אויפצוטאהן גדולות ונצורות אין דעם געביט, שלא עמלק״פ, אהן שום חשבון פון געלט אדער כבוד, מיט מסירות נפש ממש, זיי האבען שוין צענדליגער מאהל מציל געווען הונדערטער משפחות פון מאכלות אסורות, אזוי אויך האבען זיי מציל געווען א האלבע שטאט פון נתפטם ווערען מיט טמא׳נע אייער, און טאקע נאכרעם וואס עס איז ערשינען די השגחה פון ב״ד המיוחד שע״י התאחדות הרבנים (וואס יערעס קינד פארשטייט אז דאס איז אויפגעשטעלט געווארען צו קלאפען די ארגאניזאציע) האבען זיי גאר געטראפען אז מען האט נאך אלץ געניצט אייער־פורער מן השוק וואס ראס איז א שטארק ערנסטער חשש. (בררך אגב זענען מיר מעורר, אז די יונגעלייט ממוסדות כ״ק אדמו״ר שליט״א האבען מפרסם געווען באזהרות חמורות אז רי חששות פון בעקעריי־פאראוקטען זענען

געוואלדיגע, טראץ דער השגחה־זיגעל פון התאחדות הרבנים, און איינער פון די חשוב׳ע רבנים האט אין זיין דרשה ראס בפירוש באטאנט אז די השגחה פון די התאחדות אויף בעקערייען איז זייער שוואך, ווייל עס איז נישט דא קיין משגיח תמידי אין יעדען בעקעריי באזונדער א יר״ש (חוץ די געוואלדיגע פלייווערס־חששות). און דער ווער הכשרות אין זייער מרדיך האט אויך מגלה געווען אז די אויל בהשגחת ההתאחרות איז בכלל נישט מתחלת הכתישה, כאטש עס שטייט אזוי אויפען קען, און האט נישט קיין השגחה תמידית, ווי זיי האבען לעצטענס אויך מפרסם געווען אין איד דעם שקר בולט, און זיי טועהן זיך נאך אויף אז אלעס איז עפ״י הוראת כ״ק אדמו״ר שליט״א, איז דאס אפנארען דעם ציבור אויך עפ״י הוראתו ח״ו? און זיי האבען אויך מפרסם געווען נישט צו נוצען בעקעריי־פראדוקטען און נאך צענרליגער ענינים וואס מיר לייענען אין דעם מרדיך, און מען זעהט בחוש אז קושטא קאי, און הגם דאס זענען יונגעלייט, זענען מיר אינפארמירט אז טייל פון זיי זענען ת״ח מופלגים און יר״ש מרבים ראוין לישב על כסא הוראה, און בפרט איז דאך אלעס אינטער די אחריות פון חד מגרולי דורנו, פארשטייט דאך יעדער אז אלע קריטיק זענען פאליטישע פארפירערישע פוטשע בלבולים.

איינער פון די רבנים שליט״א האט אפגעגעבען א לאנגען רעפארט פון די פעולות פון די אתאחרות הרבנים, הצלת ילדי תימן, עולי רוסיא, מאראקו און גרוזיא (מיר דארפען נישט צופיל מאריך זיין אין דעם, ווייל איר חשוב׳ע לייענער ווייסן קלאר וואס התאחרות האט געטוהן צו דעם — ,,גארנישט״ !!).

נאך האט דער רב שליט״א מיטגעטיילט אז די התאחדות, דארף זיין דער צענטראל פאר דין תורה׳ס און גיטין וכדומה (דא מוזען מיר מגלה זיין אז בעוה״ר הערט זיך מעשיות נוראות וואס איז מפורסם אין עניני ר״ת, אז פאר א גוטען פרייז און טייל מאל דורך פראטעקציע האט מען געשיקט פארן בעל דין די הזמנה מיטן סירוב צוזאמען, און טיילמאל האט מען פארשפארט פארן בעל דין צו קומען צום דין תורה, דער בעל דין האט אומגעריכט באקומען דעם פסק דין דורך דער פאסט. פארגעסט נישט וואס די חז״ל שרייבען אויף פיל פלעצער אז עינוי און עיוות הדין איז גורם אלע צרות ד׳ יצילנו, יעצט שטעלט אייך פאר וואס פארא חורבן דאס וואלט געווען ווען דאס זאל ריכטיג זיין א צענטראל פאר די זאכן, ח״ו.

פארוואס קענען רבנים אין בארא פארק און אין נ.י. מסדר זיין א גט פאר ווייניגער ווי 200 $ און ביי אונז התאחרות הרבנים דארף קאסטען 500$ בערך?

נאך האט פארגעברענגט דער בעל דרשן אז התאחרות איז די איינציגע צו קעמפען קעגען ציונות (ליבער לייענער, שטעלט אייך פאר אויב אלע רבנים מיטגלידער וואלטען ריכטיג געקעמפט קעגען ציונות, וואלט דער היינטיגער דור ווייניגער נתפס געווען. ליירער בעוה״ר איז כ״ק אדמו״ר שליט״א, יחיד ברורו אין דעם היניזיכט, און דערפאר קומט עס אים אהן בכחו ודמו ממש ווייל עס איז נישט דא ליירער ווער עס זאל צוהעלפען נושא בעול זיין.

אויך האבען די איבריגע רבנים שליט״א אין זייער דרשה באטאנט אז זיי האבען פיהל זאכען וואס צו קריטיקירען די הנהלה, ועוד חזון למועד!

נאך האט מען באמערקט און אויסגעדריקט אז דער ועד הכשרות איז מואס באחרים העושין. קודם האט דאס על אתר א רב גדול תיכף אפגעווענט און איבערגעוויזען אז דער אמת איז גאר פארקערט, די התאחרות (מיינט מען די בעלי בתים אנפירערס) איז מואס אין דעם דערמאנטען ועד, ווייל אין דער ווירקליכקייט טוען די התאחרות גארנישט, און די ,,עושין״ זענען די ארגאניזאציע פון ועד הכשרות, וואס טוען מיט מסירת נפש.

נאך די סתם דרשות, וואס מען האט געזוכט חיפוש מחיפוש אין אלע ווינקלען (אבער אהן ערפאלג) וואס די התאחדות האט אויפגעטוהן די לעצטע 20 יאהר, וואס דאס איז בעוה״ר די וועלטס קשיא די לעצטע יארען, און איז נאך געבליבען דערוויל אומפארענטפערט, און הגם די התאחדות איז מזכה רבים מיט צוקער אויף פסח, וואס איז גלאט א רציחה אויסצורייסען ארימע אידען מיט רעכענען בערך דאפעלט ווי די אנדערע. ווי כידוע זענען מיר יונגעלייט געווען פאר 2 יאהר צוריק ביים רעבין שליט״א, זיך אפצודערדען וועגען די אומדערהויכטע רציחישע פרייזן פון דער צוקער וואס דאס איז א נויטווענדיגקייט (ווייל עס איז דאך א איסור כרת צו נוצען אנדערע צוקער ווי עס איז גיוועהן גערדריקט אין יוד פאר פסח תשל״ה). האט דער רבי שליט״א זיך גיבייזערט היתכן! אפאהר רולר מעהר? איך האב געזאגט פאר די הנהלה אז נור עטליכע סענט מעהר און דאס אלעס, איך גלייב נישט איך מוז איבערפרעגען, עכלה״ק.

אין דער צייט וואס מען איז סייווי אנגעשטרענגט מיט גרויסע הוצאות אויף מצות ווין וכו׳ וואלט געדארפט זיין די ארבעט פון התאחדות מזכה זיין מיט כשר׳ע צוקער ביליג, און נישט פארקערדט, אויסרייסען ארימע אידען וואס ווערען פארשווארצט אויף א פרוטה. דער גרעסטער פלא איז וואס מען פארשווייגט אינגאנצען דעם קלא רלא פסיק וואס דרייט זיך אין שטאט אז אין די התאחדות צוקער ווערט אריינגעלייגט בשעת׳ן קאכען פעטען, אין דער זעלבער צייט ווערען געוויסע אנדערע צוקער פראדוצירט ריין פון יעדען מישונג, און פארקויפט זיך פיל ביליגער. מיר האבען גארנישט געגוג צייט זיך אויף דעם אפצואווינדערען, און אט הערען מיר ווינדער איבער ווינדער, אז די צוקער וואס קומט אריין אין פלייוואר פון סאדע מיטן התאחדות השגחה, האט לגמרי קיין השגחה נישט, והוא רחום יכפר עון כו׳.

(חוץ דעם פשע בל יכופר צו משיג גבול זיין א צווייטען, און לא די זה האבען זיי נאך גיהאט א העזה פאר עטליכע יאהר פסח ביינאכט אויסצורופען אין אונזער ביהמ״ד אין נאמען פון רעבין שליט״א אז אין די סאראטוגא וואסער קומט אריין חמץ׳דיגע ספיריטוס וע״כ זאל מען נישט נוצען נאר ,,מים חיים״, וואס איז פיהל מיט פלייווערס), וואס היינט ווייסט שוין יעדער אז דאס איז געווען א פשוטער שקר, נאר פשוט מסיג גבול זיין און צונומען די פרנסה פון אנדערע אידען. און אויך האבען זיי מבזה גיווען גדולי הרבנים וואס האבען נישט געוויסט פון זייער כרוז אין אונזער ביהמ״ד און האבען געלאזט זייער עולם נוצען די סאראטאגע וואסער (וואס איז באמת גיווען כשר).

כדי די געעהרטע לייגער זאלען זיך נישט טועה זיין אז דאס וואס מען קריטיקירט התאחדות איז א בזיון ת״ח, ווילען מיר ערקלערן, אז ליידער אלע רבנים (חוץ די וואס זענען פארבינדען דארך הכשרים געבען, אדער דין תורה׳ס פסק׳נען) האבען נישט קיין שום אנגעהער, און אודאי נישט קיין מיינונג אין קיין שום זאך וואס ווערט געטוהן אינטערען קעפעל ,,התאחדות הרבנים״. געבליבען איז בלויז דער שילד התאחדות הרבנים אן רבנים וואס זענען נישט מקבל פרס, וואס די ריכטיגע אייגענטימער זענען בעלי בתים, די אויבענדערמאנטע ועוד. צוויי מאהל א יאהר דערמאנט מען יעדען רב אז ער איז א מיטגליד, איינמאהל צו באצאהלען דמי חבר, און איינמאהל צו קומען צום דינער. דערפאר זאלט איר וויסען אז מיר ווילען דאס קלאר מאכען פארען חרדישען ציבור, אז די אלע לשונות פון די דרשנים כבוד הרבנים, און בזכות הרבנים האט מען סייעתא רשמיא, איז נאר א לשון מושאל, ווייל דארט עקזיסטירט שוין לאנג נישט א רב וואס זאל זוכען אויפצוטאהן לשם שמים שלא עמלק״פ, אוי למה שהגענו!

און שטעלט אייך פאר א חרפה ובושה אין א צייט וואס אחינו בני ישראל געפינען זיך אין אן עת צרה בארצנו הקדושה, גזירות קשות ומשונות, גיוס בנות רח״ל נתוחי מתים (בפרט לויט די ווערטער פון איינעם פון די רבנים זענען די פרצות פון א״י וויכטיגער פון אלעס), און אנדערע צרות, האט דער ועד ההנהלה נישט געזעהן פאר וויכטיג צו מאכען אן אסיפה (פון א

רעמאנסטראציע האט ראס יונגע רור שוין קיין שום השגה נישט וואס ראס מיינט, כאטש לויט די ווערטער פון די רבנים איז ראס פון די הויפט־פונקציעס פון התאחרות), נאר אויף די פירצה (לשיטתם) וואס יונגעלייט גרולי תורה מיטן שפיץ פון איינעם פון די גרולי הרור וואס האבען שלא לשם ביזנעס זיך מפקיר געווען צייט און געלט און כבור עצמם, אביסעל מתקן צו זיין די פירצה נוראה פון הפקרות אין כשרות, אזוי ווי רער גאון וקרוש ר׳ הלל קאלאמייער זצוק״ל שרייבט אין אלע חיבורים זיינע, אז יערער יחיר איז מחויב צו טאהן מיטן גאנצען כח מתקן זיין ווי ווייט ער קען. ראס איז אויך מרומז אין די ווערטער פון חז״ל כל מי שיש בירו למחות על אנשי עירו כו׳. זעהט מען בפירוש אז די גמרא רערט אפילו פון א יחיר, קומט אויס אז די גאנצע אסיפה איז אן אסיפה כנגר התורה, וכנגר שיטת והוראות כ״ק ארמו״ר שליט״א, אזוי אויך זאגען די חז״ל רעת בעה״ב איז פארקערט פון רעת תורה (כמבואר בסה״ק ויואל משה בהקרמה).

רערפאר ווערט די התאחרות הרבנים בעוה״ר געפירט רורך פשוטע בעלי בתים און אומפאראנטווארטליכע מענטשען וואס האבען נישט קיין רעת תורה און קיין שום זיק פון יר״ש, בפרט רארט וואו עס באריירט געלט ארער כבור, (מיר שפירען זיך פאראנטווארטליך לגלות ברבים אונזער ווייטאג זיך אנצונעמען פאר כ״ק רבינו שליט״א וואס אין שנת תשכ״ז נאך רעם וואס עס איז געווען אין ררוק רער ספר הק׳ על הגאולה ועל התמורה איז ראס בעוה״ר צענזורירט געווארען רורך די הנהלה פון התאחרות הרבנים און עס איז ארויסגענומען געווארען רורך זיי וויכטיגע שטעלען וואס איז געשטאנען שארפע ריבורים וועגען ראריא, צייטונגען וכו׳, וואס זיי האבען נאר איבערגעלאזט אביסעל רערפון, אבער די שארפע ריבורים ארויסגענומען. וואס די סיבה איז זייער פארשטענרליך אז זיי האבען נישט צוגעלאזט צו רריקען רארט ווי זיי אליין לייענען די אלע טמא׳נע צייטונגען און הערען ראריו און נאך ארגערס רח״ל, יעצט ווי קען מען זיך פארלאזען אז זיי געבען אונז איבער די הייליגע ריבורים פון רעבין שליט״א אהן ענרערונגען און פאלשקייט כפי רצונם המעוקל.

און אזוי וויא מען האט געזעהן רא, אז די ערנסטע רבנים וואס ליגען טאקע בכל רמ״ח איבריהם ושס״ה גיריהם לשם שמים אויפצוטוהן, האבען ריכטיג סייעתא רשמיא און זענען בכלל נישט ערשינען צו די אסיפה.

א פלא איז פארוואס די התאחרות הרבנים האט טאקע אלע יארען צוגעלאזט די שטאט זאל זיך מפטם זיין מיט בעקעריי־פּראַרוקטען מיט תערובת איסור, און האבען זיך בלויז מטפל געווען מיט השגחה אויף סארע. ערשט נאכרעם ווי עס האט זיך געגרינרעט רער ועד הכשרות, האט זיך געגרינרעט רער בי״ר המיוחר כו׳ ע״מ לקנטר.

מיר האבען א שטארקע קשיא היתכן ווען איינער פון די גרולי הרור איז מבוזה געווארען רורך א פראסטען רעראקטאר פון „רער איר״ כאטש רער גרול איז א מיטגליר פון התאחרות הרבנים, האט די התאחרות הרבנים בכלל נישט געפינען פאר וויכטיג אויסצורופען א מחאה געגען בזיון כבור התורה (און פארגעסט נישט אז היינט צו טאג האט רער רעראקטאר עולה לגרולה געווען, און ער איז פון די עמורי התווך און אנפירער פון די התאחרות, במילא איז שוין קיין קשיא נישטא.

די התאחרות הרבנים האט ארויסגיגעבען א מורעה אז קיין געזונטע מענטשען טאהרען נישט פארען אויף פלארידא! ווער האט זיי ערלויבט **מגלה פנים זיין בתורה שלא כהלכה**, א קראנקער טאהר ראך אויך נישט פארען ווייל ראס איז ראך יהרג ואל יעבור, און ביי יהרג ואל יעבור איז נישט קיין נפק״מ צווישען געזונטע און קראנקע? און רער אמת איז אז די גאנצע

מודעה איז נור כסות עינים. ווייל האט דען די התאחדות הרבנים געהייסען פאר די ראשי הקהילות נישט מכבד צו זיין און נישט צו צולאזען צו קיין שום דבר שבקדושה געזונטע מענטשען וואס פארען זיך פארוויילען אויף מקומות הפרוצות. מיט א פשוטען בולעטין האט מען נאך נישט יוצא גיוועהן.

אין די פאגאנגענע וואך ערש״ק טהרה איז געווען געדרוקט א גרויסער מכשול הרבים פון די התאחדות הר׳, אז דעם כזית מצה דארף מען עסען בכדי אכילת פרס, נישט מאכנדיג קיין חילוק פון לכתחילה ביז דיעבד (וואס לכתחילה מוז מען דאך 2 כזיתים שלינגען בבת אחת, אויף איינמאהל, און אז נישט מעגליך עכ״פ איין כזית). און נישט געבענדיק קיין זמן ווי לאנג דער שיעור אכילת פרס איז,כאילו דער בולעטין איז נור פאר גרויסע לומדים. חכמים הזהרו בדבריכם!

אויך איז די גאנצע חרידישע שטאט אויפגעשטורעמט געווארען פון דעם שענדליכען סקאנדאל פאר א קורצע צייט צוריק ווען דער קאנטינענטל האל וואס שטייט אונטער די השגחה פון התאחרות הרבנים האט געוואגט צו פארדינגען דעם זאל פאר שווארצע נעגערס, פאר זייערע פוסטע הולטייען. איז דאס אויך געווען מיט די השגחה פון התאחדות הרבנים? (און אויך לפי השמועה זיינען זיי שותפים אין דעם האל). ואוי לנו שכך עלתה בימינו!!!

אויך איז ביי די אסיפה אויפגעשטאנען איינער פון די חשוב׳ע רבנים שליט״א (וואס איז געווען יארען פון די אנפירערס פון התאחדות הרבנים) און האט אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן, אז די התאחדות הרבנים ליירער טוט היינט גארנישט (דאס וואס זיי טוהען פאר ביזנעס, קומט נישט אין באטראכט). ער גערענקט נאך די ערשטע פאר יאר, זענען די רבנים געווען טעטיק, אבער היינט איז בכלל נישטא קיין רבנים וואס זענען טעטיק, יענע צייטען איז געווען יעדעס יאר כמה וכמה אסיפות, במילא האט נישט אויסגעפעלט אן אסיפה מסביר זיין וואס מען האט אויפגעטוהן במשך גאנצע 20 יאהר. ער האט אויך באטאנט אז ער האט שוין לאנג נישט געזען א בולעטין פון די טעטיקייטען פון התאחדות הרבנים (חוץ די בולעטין ווי למשל וואס פאר א ברכה מען מאכט אויף דיקע ארער דינע פיללינגס וכדומה....). די איינציגע רבנים וואס זענען יא טעטיק זענען נאר די וואס זיצען ביי דין תורה׳ס (און הכשרים — לעצטענס), אבער מער גארנישט.

דערגעגען (שרייט דער רב שליט״א ווייטער) איז אויפגעשטאנען אן ארגאניזאציע ,,ועד הכשרות״ וואס טיעהן אין כשרות און זענען ריכטיג טעטיק לשם שמים אויף כשרות, אהן שום אינטערעס, און זיי פארשטייען ווי אזוי צו צוגיין צו כשרות הן אין כעמישען שטאנדפונקט, הן אין הלכה, יענע ארגאניזאציע האט מען גארנישט דערמאנט אויף די אסיפה, מען האט געמאכט א שתיקה — האט געפרעגט רער רב מיט א דונערדיגען שטימע.

וואס האט די התאחדות געטאהן בעניני גיטין, נישט די יחידים די גדולים, נאר די ארגאניזאציע התאחדות הרבנים, וואס האט זי געטוהן צו דעם, האט ער ווייטער געדונערט. פארוואס האט התאחדות הרבנים נישט געטוהן וועגען היתר מאה רבנים חדר״ג, וואס דאס איז וויכטיגער פון דין תורה׳ס ביי די התאחדות. אויך האט דער רב שליט״א געשריגען אז די התאחדות הרבנים זענען די ריכטיגע מואס באחרים העושין (וואס ווערט געברענגט אין רש״י בחוקתי), זיי האבען געשטעלט שטיינער און געשטערט אויף טריט און שריט דעם ועד הכשרות אויפצוטוהן.

רער רב שליט״א האט געגעבען א קלארקייט, אז טאקע די ועד הכשרות זענען די איינציגע אין דעם געביט וואס זענען ממשיך די שיטת ודעת כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א. די התאחדות הרבנים איז בכלל נישט טעטיק, (קומט אויס אז דאס איז גאר א בזיון היינט צוטאג צו טיטולירען א מוסר וואס טוט באמת גארנישט, אז דאס שטייט אינטער די נשיאות פון כ״ק אדמו״ר שליט״א).

און עס האט אויסגעקיקט ווי די אלע ציהערער רבנים און בעלי בתים האבען בפנימיות צוגעשטימט צו די טרעפליכע דייר פון דעם רב הגאון המפורסם שליט״א, און מיר בעטען אז ווער פון ראשי הקהלות וואס האט א טעיף פון די אסיפה, זאל דאס צושפרייטען לזכות הרבים.

אויך האבען די איבריגע רבנים שליט״א אין זייער דרשה באטאנט אז זיי האבען פיל זאכען וואס צו קריטיקירען די הנהלה, ועור חזון למוער!

אויך האט איינער פון די בעלי בתים געראדשענט אז מען צוברעכט מיט דעם דעם רבינ׳ס מוסרות. חוץ וואס דאס איז א בושה צו זאגען אז ווען נאך איינער טוט לשם שמים צוברעכט ער דעם רבי׳נס מוסרות דח״ל מהאי דעתא, דארף מען גאר וויסען אז צובראכען דעם רבינ׳ס מוסרות האבען די בעלי בתים וואס האבען צוגענומען דעם כח פון די רבנים, און דאס איבערגעפיהרט אין זייערע הענט, און דאס איז שוין א היפשע ביסעל יאר, נאר יעצט ווערט דאס נתגלה, ווען מען זעהט אז אלע ערנסטע רבנים זענען מסבים צו דעם ועד הכשרות. א גרויסער טייל האבען גאר געשריבען הסכמות מיט ווארעמע דברי ברכה וחיזוק אין מרדיך, און די איינציגע וואס זענען נישט צופרידען זענען די הנהלת בעלי בתים של התאחדות הרבנים וכו׳, זעהט דאך יעדער דעם אמת.

בכלל איז דאס א נייע מעטארע אז ווען מען זעהט אז כלו כל הקיצין, און אובר עצות המה, באניצט מען זיך מיט אן אפשרעק־מיטעל, „מהרס דעם רבינ׳ס מוסרות״, אבער א בר דעת זאל זיך נישט לאזען פארפירען נאר אליין ערנסט באטראבטען אין רבינ׳ס ספרים וואס זענען באמת זיינע שיטות און וואס איז דער מהרס.

מיר זענען בטוח אז חוץ די פארשירענע נייעס ארויסגענומען פון כל מיני אפיקורסישע צייטונגען און ראריא, וועט בקרוב שוין אויך שטיין א דעת תורה אויף די אויבענערדמאנטע ענינים, זאלט איר זיך גארנישט אפשרעקען, ווייל דעתם איז היפך דעת תורה.

ויה״ר שיתרומם במהרה קרן התורה וישראל ונזכה לקבל פני משיח צדקנו ומלבנו בראשינו בב״א.

תלמידים ההולכים בשיטת
**כ״ק אדמו״ר שליט״א האמיתי**

**בקובץ** מכתבים מהגאון החזון אי"ש זלה"ה בחלק שני נדפס לבסיף איזה מכתבים מהגאון הרח"ע מווילנא זלה"ה ושם במכתב ג׳ שכתב התנגדות גדולה לאותן שעלה בדעתם לייסד אגודת רבנים עולמית באומרם אשר בכח מאוחד יוכלו לעמוד בפרץ, והאריך לדחות זה מכמה טעמים, וכתב באמצע המכתב וז"ל: והעיקר כאשר למדתי מפי הנסיון במדינתנו המרובה באוכלוסי ישראל ורבנים גדולים ויראים, שכל הפעולות באגודת הרבנים נעשות על ידי איזה מזכיר ופקיד, ואינם מתחשבים כלל עם ראשי המועצות, וכמה פעמים עושים גם בניגוד לדעתם והשפעתם ועושים רק מה שלבם חפץ, ואין רצוני להאריך בפרטי הדברים, ואיך נוכל לתת אמון ליצור מוסד עולמי אם בהמשך הזמן יתנהל בוודאי על ידי מזכירים ופקידים, ואיך נוכל למסור בידם ענינים כללים של התורה והאומה, וזה לדעתי צעד מסוכן וסכנה גדולה ואין לנו לקבל אחריות והתוצאות ממוסד כזה, עכ"ל, הנה העיד הגאון ז"ל שאף באגודת הרבנים שבמדינתו לבדה, לא איגוד עולמי כלל, והי׳ אז בימיו בהאגודת רבנים שבמדינתו גאונים וצדיקים גדולים, ואעפי"כ המעשים הנעשים גם מאותה האגודה אינן בהתחשבות עם הרבנים הגדולים יראי ה׳, וכמה פעמים הוא בניגוד לדעתם והשפעתם, אף שהמה בחיים עודנה ואפשר לשואלם על ככה, ומכש"כ בגדולים וצדיקים שהמה כבר בעולם העליון ומי יעלה לנו השמימה לשאול את פיהם, המה הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות, והאיגוד העולמי זה תולין בהם בוקי סרוקי, אוי לנו שכך עלתה בימינו.